מאָסקווע, דעם 2טן אַפּריל 1990

ליבער דוד,

איך האָב מיט גרויס אינטערעס איבערגעלייענט דײַן עסיי פֿאַר COMMENTARY וועגן אײַער פּיעסע אין קיעוו. עס איז זייער גוט געשריבן, און איך האָב נישט געקענט זיך איינהאַלטן און אָנגעשריבן אַ מין ענטפֿער, אָדער רעפּליקע. איך שיק עס דיר איבער, און דו קענסט באַשליסן, וואָס צו טאָן מיט אים. איך האָב געמאַכט דאָס אין אַ פֿאָרעם "בריוו צו דעם רעדאַקטאָר", דערפֿאַר איך דערמאָן דיך אינעם דריטן פּערזאָן ווי "ד״ר ראָסקעס" - מיר דאַכט זיך, אַז מע דאַרף שרײַבן אַזאַ מין בריוו אויף אַזאַ אופֿן. אויב דאָס דאַכט זיך אינטערעסאַנט פֿאַר דיר, אפֿשר קענסטו דאָס איבערגעבן אין דער רעדאַקציע אויף צו דרוקן ווי אַ בריוו אין דער רעדאַקציע דווקא. אויב ניט - ~~קענסט~~ דו מעגסט מאַכן מיט אים וואָס דו ווילסט.

אין גאַנצן גענומען, בין איך ניט מסכּים מיט דיר, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו מאַכן עפּעס דאָ. מע ווייסט ניט, וואָס, אָבער עפּעס-וואָס וועט זיך באַקומען, כאָטש ניט אומבאַדינגט דאָס, וואָס מע וויל. ס׳איז דאָ אַ כּוח, אַ מין התלהבֿות, אַפֿילו אַ סך מענטשן פֿאָרן אַוועק און אַנדערע זײַנען פּעסימיסטיש. ס׳איז אַזאַ מין פּעסימיזם, ווען מע הערט ניט אויף צו באַמיען זיך אויפֿצוטאָן עפּעס. די רוסישע ייִדן מוזן זײַן אַקטיוו איצט, און אין גאַנצן גענומען האָבן זיי אַ געזונטן שכל. דאָס איז דער עיקר.

אפֿשר האָסטו אַ פּאָר געדאַנקען מכּוח אונדזער צוקונפֿטיקער אַרבעט, איז שרײַב מיר, ווײַל דווקא איצט און דאָ האָב איך צוטריט צו רוסישע מאַטעריאַלן, וועלכע קענען פֿעלן אין אַמעריקע.

זײַט מיר געזונט און שטאַרק,

דײַן מישע קרוטיקאָוו